**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

**{829305521}**

דיא דראממאטישע פארזאנען:

Visual Library

## די דראמאטישע פערזאנען :

יוליוס צעזאַר — קייזער אין רומא .

אָקטאַוויוס צעזאַר, מאַרקוס אַנטאָניוס, מ. עמיליוס לעפידוס — די געוועלטיגער נאך צעזארס טויט (טריאמווירער)

ציציערא, פּאָבליוס, פּאָפּיליוס לענאַ — סענאטארען

מאַרקוס ברוטוס, קאַססיוס, קאַסקאַ, טרעבאָניוס, ליגאַריוס, דעציוס ברוטוס, מעטעללוס צימבער, ציננאַ — די מיאטיעזשניקעס קעגען יוליוס צעזאר .

פלאַוויוס אונד מאַרוללוס — טריבונען

אַרטעמידאָרוס — איין סאפיסט פאן קנידאס .

מבשר — (איין אנזאגער) .

ציננאַ — איין מליץ , איין אנדערער מליץ .

לוציליוס , טיטיניוס , מעססאלאַ, קאַטאָ דער יונגער , וואָלומניוס, וואַרראָ , קליטוס — ברוטט'ס אונד קאססי'ס גוטע ברידער .

קלאַודיוס , סטראַטאָ, לוציוס , דאַרדאַניוס — ברוטט'ס קאממערדיענערס .

פִּינְדַארוּם — קאססיוס קאממערדיענער .
קַאלְפוּרְנִיאַ — צעזאר'ס ווייב
פָּארְטִיאַ — ברוטטוס ווייב .

סענאטארען , שטאט בעלי בתים, סטראזש , קאממערדיענערס .

---

דיא סצענא קומט פאר צום ערשטין אין רומא , אונ נאך דעם אין סארד אונד נעבען פיליפפי , אין דער צייט — 100 יאהר פאר'ן געבארענהייט פאן ישוע המשיח .

---

# פאררעדע

---

ליעבע זשארגאָנישע לעזער אונד לעזערין ! איך בעמערק אין איך שוין פון אַ צייט , אז מע גליסט זיך אייך לעזען ביכער אויסער דעם צאינה וראינה שבת בייא טאג , אין בבא'ס מעשה שבת צוא נאכט ; איהר וואָלט ניט גיזשאַלעוועט אין מיטען דער וואָך אויך עטליכע שעה אין טאג אויף לעזען אַ בוך אביא אַ רעכטען , איז חאָטש דאנקען גאט איהר האט שוין גענוג זשארגאָנישע ביכער, אפילו דיא וואָך זאל האלטען צעהן טאג ניט קיין זיעבען, פון דעסט וועגין רעכען איך אַז מיין ווערק, וואס איך גיב יעצט ארויס איז אויך ניט איבעריג , עס איז פֿיעל אינטערעסנער צוא לעזען, איידער אועלכע ביכער , וואס אַז מע לייענט זייא נאך בבא'ס מעשה מעג מען זאגען „שווענק אוים דיא שיסעל , אונ גיב וויטער באָרשט" יענע בבא'ס